הרב נחום צבי מאיר ראזענפעלד שליט"א
מו"ץ בשיכון סקווירא יע"א

# הליכות החיים

וירא - חיי שרה | שנת תשפ"ו לפ"ק | גליון תצ"ב

לע"נ אאמו"ר הרה"ח ר' יעקב גרשון ב"ר שלמה ז"ל

**גליון זה נתנדב**

**ע"י ידידנו הנדיב הנכבד שי'**

**לרגל השמחה במעונו בנישואי צאצאיו היקרים למז"ט בשעטומ"צ**

זכות לימוד תורה של אלפי ישראל בהלכה למעשה, יעמוד בעדם לבנות בית נאמן בישראל בבני חיי ומזוני וכל השפעות טובות, ויזכה לרוות רוב תענוג ונחת מכל יו"ח בבני חיי ומזוני וכל השפעות טובות מתוך בריות גופא ונהורא מעליא

## הרוצה בתשובה

## אקטועלע שכיח'דיגע שאלות (מז)

### קבלה טובה פאר א חולה וואס איז דערנאך נפטר געווארן

**שאלה: א חשוב'ער איד אין אונזער קהילה איז ל"ע נישט געזונט געווען, און דער רב האט מעורר געווען אז מען זאל זיך מקבל זיין קבלות טובות אלס א זכות פאר זיין רפואה. איך האב זיך מקבל געווען נישט צו האבן אנגעצונדן דעם סעלפאן ביים דאווענען במשך פון דריי חדשים. פון הימל האט מען אנדערש געוואלט און דער איד איז ל"ע אוועק פון דער וועלט. די שאלה איז יעצט, צי איך מוז אנהאלטן די קבלה, נאכדעם וואס איך האב עס געטון נאר פאר זיין רפואה?**

**תשובה:** נישט האבן אן אנגעצונדענעם סעלפאן (אפילו נאר אויף "ווייברעיט") ביים דאווענען איז א הלכה, ווייל פאר א מענטש שטעלט זיך דאווענען מוז ער אפטון פון זיך אלע שטערונגען כדי ער זאל קענען האבן די ריכטיגע כוונה. אויסער דעם איז עס א זלזול בכבוד בית המדרש ווען דער סעלפאן קלינגט אדער מען נעמט עס ארויס אינמיטן דאווענען.[1]

דערפאר מוז מען ווייטער אנהאלטן די קבלה, און זיך פירן אזוי אויך נאך די דריי חדשים, אויסצולעשן דעם סעלפאן פאר'ן דאווענען אדער עס נישט אריינברענגען מיט זיך אין בית המדרש. (דאס נעמט נישט אוועק דאס חשיבות פון דער קבלה, וואס העלפט זיך מחזק זיין אין דער הלכה, און אפילו עס איז אויף א באשטימטע צייט, העלפט עס דאס אנצוהאלטן דערנאך אויך אויף ווייטער.)

### אויב עס איז נישט קיין חיוב להלכה

אויב מען האט מקבל געווען אויף זיך א דבר טוב וואס איז נישט קיין חיוב להלכה, למשל, מקבל שבת זיין עטליכע מינוט פאר'ן זמן הדלקת נרות, א.ד.ג., און מען האט זיך אויסגענומען אז מען נעמט דאס אויף זיך בתנאי אז יענער וועט געזונט ווערן, דעמאלט דארף מען דאס נישט אנהאלטן אויב עס האט זיך ח"ו אנדערש אויסגעלאזט, אבער אויב מען האט זיך נישט אויסגענומען אזוי, נאר סתם געזאגט אז מען טוט דאס אלס זכות פאר יענעם, דארף מען עס יעדנפאלס אנהאלטן.[2]

### א טובה פאר דער נשמה

עס דארף באמערקט ווערן, אז יעדע קבלה טובה פאר דער רפואה פון א צווייטן, אפילו אויב מן השמים האט מען געוואלט אנדערש, איז א גרויסע נחת רוח פאר דער נשמה בעולם העליון ווען מען האלט דאס ווייטער אן.

◄

## די ריכטיגע ווערטער אין דער ריכטיגער צייט

לכבוד מכון הליכות החיים,

אסאך האט מען שוין געשריבן איבער השגחה פרטית, ווי דער רבוש"ע פירט צו אז מען זאל זאגן די ריכטיגע ווערטער אין דער ריכטיגער צייט, און ווי דער בעל שם טוב הק' האט אונז געלערנט, אז אפילו אויף א בלעטעלע וואס פאלט אראפ פון בוים איז דא א פינקטליכער חשבון, ווען און וואו עס זאל פאלן.

פאלגנד וויל איך דערציילן צוויי מעשיות פון השגחה פרטית וואס עס האט דערציילט דער רב פון אונזער בית המדרש, **הרה"ג ר' יעקב ווייס שליט"א, רב דקהל ישמח משה - מאנסי**, און איך גיב עס דא איבער כלשונו. די ערשטע מעשה איז געווען אזוי: פאריגע וואך ארויסגייענדיג פון שטוב, האט א איד זיך אפגעשטעלט מיר צו געבן א "היטש", און ער רופט זיך אן צו מיר, "ווייסט איר וואו איך פאר יעצט? איך מאך יעצט א צוויי-שעה'דיגן וועג קיין לעיקוואוד."

"וואס איז יעצט אין לעיקוואוד?" פרעג איך אים.

"איר האט אוודאי געהערט," זאגט ער מיר, "פון דער שוידערליכער טראגעדיע מיט'ן קאר-עקסידענט, אין וועלכן פיר בחורים זענען ל"ע אומגעקומען. איינער פון די פיר בחורים איז מיר געווען גאר נאענט צום הארצן. דער טאטע זיינער איז פון די אידן וועלכע געדענקען און לעבן תמיד מיט דעם אז די קינדער קומען פאר אלעם. דאס איז געווען זיין לעבן: זיינע קינדער. אין דעם בחור האט ער אינוועסטירט ריזיגע כוחות. ער האט מיך געדונגען צו לערנען מיט אים בלעטער גמרא, זיך געלאזט קאסטן אז ער זאל זיך קענען פארהערן אינעם לערנען. בלויז דעם פארלאפענעם זומער, האט דער בחור זיך פארהערט א צאל בלעטער גמרא וואס ער האט געלערנט ביגיעה רבה, און אלס באלוינונג איז ער געפארן קיין ארץ ישראל אויף עטליכע וואכן.

"יעצט דארף איך אהינגיין מנחם אבל זיין," האט דער איד פארגעזעצט. "איך ווייס אפילו נישט וואס צו זאגן פאר דעם צעבראכענעם איד. אלץ וואס איז נאר שייך געווען האט ער אריינגעלייגט אין דעם זון - 'דמים - תרתי משמע' (געלט, מיט בלוט און שווייס), מיט אלע פירושים. און יעצט איז דאס אלעס מער נישטא. ווי נעמט מען ווערטער אים צו טרייסטן?"

**אין לעיין בגליונות בשעת התפלה וקריאת התורה כמבואר בהפוסקים לאיסור**

**מדור זה נתנדב**

לזכר נשמת האי גברא יקירא הרבני הנעלה
**הרה"ח ר' חיים דוד ב"ר אברהם הלוי ע"ה עהרליך**
במלאות השנה לפטירתו ביום עש"ק וירא ט"ז מרחשון
ת.נ.צ.ב.ה.
לימוד התורה של אלפי ישראל יהא לעילוי נשמתו, וימליץ טוב בשמי מרומים בעד כל משפחתו

## געבעטן א שאקאלאד און צוגעזאגט צוריקצוגעבן צוויי

**שאלה: ארויסבאגלייטנדיג מיין זון צו גיין אין חדר, האב איך געזען ווי ער נעמט מיט זיך א באזונדער פעקל שאקאלאד. אויף מיין פראגע, זאגט ער מיר אז נעכטן האט ער פארגעסן זיין פעקל ריסעס אינדערהיים און ער האט געבעטן אן אנדער אינגל זאל אים געבן עפעס פון זיין פעקל און ער וועט אים מארגן צוריקגעבן צוויי. צי מעג ער דאס טון, אדער ער טאר נישט צוריקגעבן מער ווי ער האט באקומען צוליב ריבית?**

**תשובה:** מען טאר דאס נישט טון, ווייל איסור ריבית גייט אן נישט נאר ביי געלט, נאר אויך ביי א עפעס וואס איז ווערד געלט, און כאטש ער האט צוגעזאגט אים צו געבן מער, זאל ער געבן נאר וויפיל ער האט פון אים גענומען.

אין פאל ער האט עס אים שוין געגעבן, דארף דער אנדערער אינגל לויט א טייל פוסקים עס אים נישט צוריקגעבן (אויב ער איז א קטן). עס איז אבער כדאי אים מחנך צו זיין אז ער זאל עס צוריקגעבן.[3]

## אויפלאזן הייסע שאקאלאד אויפ'ן קראַקפּאַט

**שאלה: פרייטאג צו-נאכטס נאך דער סעודה האט מען סערווירט ביי מיר אייזקרים מיט הייסע שאקאלאד וואס מען האט אויפגעלאזט אויפ'ן דעקל פונעם קראַקפּאַט. צי מעג מען דאס טון שבת, אדער עס איז דא דערביי איסור בישול (קאכן)?**

**תשובה:** מען מעג לייגן א טרוקענעם מאכל, צ.ב.ש. די חלה אדער א שטיקל קעיק, אויפ'ן דעקל פונעם טאפ אדער קראקפאט, אז עס זאל ווערן הייס און עס איז נישט קיין שאלה פון בישול, אבער מען טאר נישט ארויפלייגן א טרוקענע זאך וואס ווערט דורך דעם ◄

"עס איז גאר ווייטאגליך," האב איך רעאגירט, "און עס איז באמת נישטא מיט וואס צו טרייסטן אזא טאטן. דערפאר זאגט מען 'המקום ינחם', דער איבערשטער אליין, וואס ער איז דער 'רופא לשבורי לב', ער היילט די צעבראכענע הערצער, נאר ער קען טרייסטן און געבן כוח און חיזוק. לגבי דעם וואס איר זאגט אבער אז דער טאטע האט אריינגעלייגט אינעם קינד אזויפיל כוח און מי, און יעצט איז דאס אלעס אוועקגעקומען, און ער וועט עפעס וועלן הערן פון אייך, ווי איר האט מיטגעהאלטן אביסל וואס ער האט זיך אלץ געלאזט קאסטן פאר דעם קינד בגוף ובנפש, וויל איך אייך דערציילן א מעשה וואס האט פאסירט מיט מיין זיידן, הרב החסיד ר' יוסף לייב ווייס ז"ל, ביים סקווירער רבי'ן זי"ע.

"מיין זיידע האט געוואוינט פאר דער צווייטער וועלט-מלחמה אין דער שטאט סאטמאר און האט דארט אויפגעשטעלט א שיינע משפחה מיט זיבן קינדער. ער האט גאר שטארק מצליח געווען מיט'ן חינוך פון זיינע קינדער, ביז דער דייטש ימ"ש איז געקומען און זיי אלע אכזריות'דיג אומגעברענגט צוזאמען מיט נאך מיליאנען אידן. הי"ד.

"פון דער מלחמה איז מיין זיידע ארויסגעקומען צעבראכן און צעקלאפט, נישט האבנדיג קיין ענערגיע און מוט צו טראכטן פון א נייעם עתיד. ער האט זיך געפונען דעמאלט אין רומעניע, און איין טאג איז אנגעקומען צו אים די שמועה וועגן דעם סקווירער רבי'ן זצ"ל, וואס איז אויך דעמאלט געווען נאך אין רומעניע. ער האט געקענט דעם רבי'ן זצ"ל גוט פון בעלז, וואו ער איז פאר דער מלחמה אכט יאר געפארן יעדעס יאר פון א' סליחות ביז נאך שבת בראשית. ער איז אריינגעגאנגען צום רבי'ן זצ"ל און האט געשריבן א קוויטל מיט די נעמען פון זיין אומגעקומענע פרוי און קינדער. ביי איינעם האט ער געשריבן אז ער האט א היתר הוראה, ביי א צווייטן אז ער האט זיך פארהערט האלב ש"ס און איז א גרויסער ירא שמים, און אזוי האט ער געשריבן ביי יעדן פון די זין זיין ספעציעלע מעלה, און ביי די טעכטער איבער זייער צניעות און מדות טובות. ביים יונגסטן קינד האט ער געשריבן אז מען האט אים שוין געמאכט פיאות.

"דער רבי ז"ל האט אריינגעקוקט אינעם קוויטל, און עס איז אים געווען א גרויס וואונדער, אז א איד זאל האבן איבערגעלעבט מיט א גאנצע משפחה מיט קינדער. דער רבי ז"ל האט אים אנגעקוקט מיט פאטערליכע ליבשאפט אין זיינע הייליגע אויגן, און דאן האט מיין זיידע זיך אנגערופן, **'דאס איז געווען אמאל...'** און ער האט אנגעהויבן דערציילן מיט בכיות נוראות איבער דער משפחה וואס ער האט אמאל געהאט, אויספירנדיג: 'איז געקומען דער רשע ימ"ש און האט אלעס פון מיר אוועקגענומען!'

"הערנדיג פון אים די ווערטער, האט דער רבי זצ"ל אנגעכאפט מיין זיידנ'ס הענט און אים געזאגט, 'וואס רעדט איר, "אוועקגענומען?" וואס



**מדור זה נתנדב**

לזכר נשמת האשה החשובה

מרת **חי' יוטא** בת ר' **יוסף יושע** ע"ה **קעניג**

נפטרה ביום י"ג מרחשון

יהא זכרה ברוך

**הונצחה ע"י בני משפחתה**

אויפגלאזט, צ.ב.ש. פארגליווערטע פעצעי, צוליב איסור בישול.[4]

וויבאלד שאקאלאד איז א טרוקענע זאך וואס ווערט ווייך און אויפגלאזט ווען מען לייגט עס אויפ'ן הייסן טאפ, טאר מען עס נישט ארויפלייגן (כאטש עס ווערט נישט ממש רינענדיג ווי פעצעי).

## ארייגלייגן א הייס שטיקל קוגל אינעם טשאלנט

**שאלה: צי מעג מען נעמען פרייטאג צו-נאכטס א הייס שטיקל קוגל פונעם האַטפלעיט אדער בלעך און עס ארייגלייגן אינעם טשאלנט?**

**תשובה:** מען טאר דאס נישט טון כאטש עס איז נאך הייס, וויבאלד דער קוגל איז א געבאקענע זאך און ווען מען לייגט עס אריין אינעם טשאלנט קאכט זיך עס, און עס איז דא אן איסור פון "בישול אחר אפיה" (קאכן נאכ'ן באקן).[5]

## פיש אינעם טשאלנט אנשטאט קישקע

**שאלה: שבת צופרי ווען מען האט אראפגענומען דעם טשאלנט פון פלאם און ארייגעשטעקט דעם גאפל אין דער קישקע, האט מען באמערקט אז עס איז געשען א גרויסער טעות, און אנשטאט ארייגלייגן א ראל קישקע האט מען פרייטאג ארייגעלייגט א ראל געפילטע פיש.**

וואס טוט מען? מעג מען עסן אדער כאטש טועם זיין פונעם טשאלנט לכבוד שבת, אדער מען טאר נישט וויל עס האט זיך געקאכט פיש מיט'ן פליישיגן טשאלנט צוזאמען?

**תשובה:** וויבאלד געוועגליך איז נישטא קיין זעכציג מאל קעגן דעם פיש אינעם טאפ, טאר מען נישט עסן דעם טשאלנט (אויך נישט די בונדלעך און קארטאפל), און נאך שבת זאל מען כשר'ן דעם טאפ.[6]

אויב מען האט שוין ארייגעלייגט פונעם הייסן טשאלנט אין טעלער, זאל מען פרעגן א שאלה וועגן כשר'ן די טעלערס.[7]

## חתמ'ענען ערבות אויב מ'האט נישט דאס געלט

**שאלה: א גוטער חבר איז געקומען בעטן אז איך זאל חתמ'ענען ערבות אויף א הלוואה פון צען טויזנט דאלער. איך האב, ברוך ה', א גוטן נאמען ביי מענטשן און מען געטרויט מיר. איך האב אבער נישט דאס געלט, ד.ה. אויב וועט יענער נישט באצאלן, ווייס איך**

◄

1. כמבואר באו"ח סי' צו שצריך להסיר כל הטירדות כדי שיכוון, עיי"ש בפסק"ת אות א חומר הדבר. 2. כמבואר באו"ח סי' תקסט וביו"ד סי' רכ סט"ו דתלוי אם אמר בלשון תנאי 'אם יחיה פלוני' או שאמר סתם. ועי' בספרנו הפרשה בהלכה פ' ויצא, דאם נדר סכום לצדקה וכבר התחיל לשלם ואח"כ נפטר החולה שאינו יכול לחזור ממה שכבר שילם. 3. דיש דיעות בפוסקים דבקטן אין ע"ז שם קציצה אפילו הבטיחו ע"ז. עי' בס' ברית יודא שכן משמע ברשב"א וריטב"א ב"מ דף ע'. 4. ועי' ספר הליכות שלמה (מועדים פי"ז) בענין להניח פאנקען בשבת על המיחם שעל האש. 5. דבדרך כלל קוגל שאופים כיון שהדרך הוא שאין מניחים בו הרבה שמן או מים דינו כאפוי, ורק עם הרבה שמן דינו כבישול. עי' פסק"ת סי' שיח הע' **34**, ובספרנו שלחן השבת מלאכת אופה סי' ב, ובהפרשה בהלכה ואתחנן עמ' קפב. 6. כמבואר ביו"ד סי' קטז בדיני דבר האסור משום סכנה דדעת הט"ז הוא דחמיר דלא מהני ס', ודעת נקוה"כ דלא חמירא מאיסור ומהני ס'. ועי' שו"ת שה"ל ח"ו שנהגו להורות כן. 7. עי' פ"ת שם אות ג' דאם נתבשלו דגים ובשר ביחד דצריך הגעלה דנבלע הארס בהקדירה. אבל בשו"ת דברי מלכיאל ח"ב סי' נג כתב דאי"צ הגעלה וסגי בהמתנת מעת לעת. ועי' בספר חלקת בנימין שם בביאורים הטעם להקל בדיעבד. 8. ועי' בספרנו ממונם של ישראל ח"א וח"ב בדיני מלוה וערב. 9. כמבואר בסי' קכט ס"ט ובש"ך ס"ק כג, דנקט דאפילו אם יש מעות להערב, דהו"ל כאילו הלווהו עכשיו שאינו חייב לשלם עד ל' יום.

לעילוי נשמת אחותי היקרה האשה החשובה, שהיתה מצויינת מאוד במצות כיבוד אב ואם ובמידות טובות ומופלגת מאוד בטוב עין ובגמילות חסדים להיות כל היום חונן ומלוה לעזור למען הזולת

מרת **חנה גאלדא** ע"ה בת אאמו"ר הרה"ח ר' **יעקב גרשון** ז"ל - שנפטרה ביום ד' חשון העבר, לדאבון לב כל מכיריה

זכות פעולותיה יעמוד לבעלה יבלח"ט, גיסי היקר גריס באורייתא תדירא ביגיעה, ומתנהג בכל דרכיו באמונה ובטחון בה'

הרה"ח ר' **אהרן חנוך העניך איילבוים** שליט"א - שותף נאמן חלק כחלק בכל פעולותיה למען אחב"י

**ולכל צאצאיה היקרים**

יה"ר שלא תוסיפו לדאבה עוד ואך ששון ושמחה יישמע באהליכם וטוב וחסד ירדפוכם כל ימי חייכם

רעדט איר? איר האט דאך אראפגעברענגט די קינדער אויף דער וועלט, איר האט געמאכט א ברית, געפירט די קינדער אין חדר און געזאגט מיט זיי אלף-בית, געלייגט תפילין מיט זיי, זיי מחנך געווען מיט צניעות!' ער האט נאכאמאל ארייגעקוקט אין קוויטל און איבערגעלייענט אויפ'ן קול אלעס וואס מיין זיידע האט ארייגעשריבן ביי יעדן קינד - היתר הוראה, בלעטער ש"ס, א.א.וו., זאגנדיג, **'דאס אלעס איז נאך אלץ דא, קיינער-קיינער קען דאס נישט אוועקנעמען פון אייך**. דאס איז אייערס! יעצט זענען זיי נישטא, יעצט איז אלעס **דארט** - אבער עס איז אייערס!' אזוי האט דער רבי ז"ל אים געטרייסט, גלעטנדיג זיינע הענט זיינע מיט ווארעמקייט, ביז מיין זיידע האט זיך אביסל בארואיגט. דעמאלט האט דער סקווירער רבי זצ"ל אים געזאגט, 'מען דארף חתונה האבן. מען דארף אויפשטעלן א משפחה!'

"מיין זיידע האט נאכאמאל חתונה געהאט און אויפגעשטעלט א שיינע משפחה בליעה"ר, און יעדעס מאל וואס מיין זיידע האט דערציילט די מעשה, פלעגט ער זאגן, 'איך האב שוין געהאט פארלוירן מיינע קינדער, אבער ווען דער סקווירער רבי ז"ל איז מיט מיר איבערגעגאנגען אלעס וואס איך האב געטון מיט זיי און געזאגט אז "אלעס איז דא" און מען קען עס נישט אוועקנעמען, האב איך געפילט ווי איך האב פשוט צוריקבאקומען די משפחה. דאס האט מיר געגעבן דעם כוח און חיזוק זיך צוזאמענצונעמען און נאכאמאל חתונה האבן. **און אין דעם זכות זענט איר אלע דא.'"**

אויספירנדיג די מעשה, האב איך געזאגט פאר דעם איד וועלכער האט מיר ארייגענומען אין קאר, "מחזק זיין און אוועקנעמען דאס בענקעניש פון דעם איד צו זיין קינד, דאס איז אפשר נישט שייך, אבער אז איר פילט אז דער טאטע וויל עפעס הערן פון אייך איבער דעם וואס ער האט ארייגעלייגט אין דעם קינד, קענט איר אים דערציילן די מעשה."

דער איד איז געפארן ווייטער קיין לעיקוואוד. שפעטער אין טאג האט ער מיר אנגערופן און דערציילט, אז דער טאטע פון דעם בחור און זיין משפחה האבן זיך נישט געקענט גענוג אפדאנקען פאר'ן דערציילן זיי די מעשה. אוודאי איז דאס געווען בהשגחה פרטית, אז מיר האבן זיך געטראפן און ער האט געהערט פון מיר אויפ'ן וועג די מעשה מיט וואס ער האט געקענט מחזק זיין א איד אין דער ריכטיגער צייט.

* * *

די צווייטע אינטערעסאנטע מעשה פון השגחה פרטית האט ער דערציילט אזוי: א רב פון מילוואקי האט מיר לעצטנס איין טאג אנגערופן און געזאגט אז ער וויל מיר מיטטיילן, אז אין מיין זכות זענען דריי אידן געווארן שומרי תורה ומצוות.

"איר מוזט זיך טועה זיין," האב איך אים געענטפערט. "מן הסתם רעדט איר פון איינעם מיט'ן נאמען 'ווייס' וואס טוט אין קירוב און האט אייך געהאלפן, נאר מיט מיר האט עס גארנישט."

**מדור זה נתנדב**

לזכר נשמת האי גברא יקירא הרבני הנעלה

**הרה"ח ר' אברהם ב"ר שלמה בן ציון ע"ה יאקאבס**

יא"צ כ"א מרחשון ת.נ.צ.ב.ה.

הונצח ע"י נכדו ידידנו הנדיב הנכבד

**מו"ה יעקב יוסף יאקאבס הי"ו**

**ניסט פון וואו איך וועל דאס קענען באצאלן. צי מעג איך חתמ'ענען ערבות, פארלאזנדיג זיך אויפ'ן חבר וועלכער האט א פינקטליכן פלאן ווי אזוי ער וועט באצאלן די הלוואה, אדער עס הייסט ווי איך טו אפנארן דעם וואס פארבארגט אים דאס געלט, וואס יענער טראכט מן הסתם אז אויב איך שרייב זיך אונטער אלס ערב האב איך אוודאי א מעגליכקייט דאס צו באצאלן?**

**תשובה:** ווען מען נעמט אויף זיך ערבות און יענער האט נישט באצאלט, איז מען מחוייב מן התורה דאס צו באצאלן, ווי מען לערנט ארויס פון פסוק "אנכי אערבנו מידי תבקשנו כי עבדך ערב את הנער". דערפאר טאר מען נישט חתמ'ענען ערבות נאר אויב מען האט פון וואו דאס צו באצאלן, אדער מען ווייסט אז מען וועט האבן די מעגליכקייט צו שאפן דאס געלט אין פאל דער וואס בארגט וועט נישט באצאלן, וואס דעמאלט איז א גרויסע מצוה צו נעמען אויף זיך ערבות צו העלפן דערמיט אן אנדערן איד.[8]

## אפצאלן ערבות אויף א הלוואה צוביסלעך

**שאלה: צוויי יאר צוריק איז צוגעקומען צו מיר א חבר און געבעטן אז איך זאל חתמ'ענען פאר אים ערבות אויף א הלוואה פון צוואנציג טויזנט דאלער. ער האט מיר ערקלערט וואס ער וועט טון מיט'ן געלט און ווי אזוי ער פלאנט עס צוריקצוצאלן, און קענענדיג אים אלס איינעם וואס האט א גוטן קרעדיט, האב איך אים געטרויט און גע'חתמ'עט פאר אים ערבות.**

**למעשה האט ער דערלייגט אסאך געלט און קען נישט באצאלן די הלוואה, און דער וואס האט אים פארבארגט דאס געלט איז געקומען צו מיר און ער פאדערט אז איך זאל עס באצאלן אלס ערב. איך האב גראדע אוועקגעלייגט אזא סכום געלט, אבער איך האב קיינמאל נישט געטראכט אז עס וועט קומען דערצו און איך זאל טאקע דארפן באצאלן די הלוואה. היות איך האב זיך אונטערגעשריבן אלס ערב, דריי איך זיך נישט ארויס פון דעם התחייבות, נאר איך וואלט חשק געהאט עס אפצוצאלן צוביסלעך און נישט אויסגעבן דערפאר מיין אפגעשפארטע געלט. וואס איז די הלכה? מוז איך באצאלן דאס גאנצע אויפ'ן פלאץ, אדער איך מעג עס באצאלן ביסלעכוויז?**

**תשובה:** אויב דער וואס האט געבארגט דאס געלט האט נישט קיין פארמעגנס פון וועלכע מען קען עס איינמאנען, מוז דער ערב ביז דרייסיג טעג באצאלן דאס גאנצע געלט אויפאמאל.[9]

**איר קענט ארייננשיקן שאלות און הערות צו 4592885mhh@gmail.com**
**אדער דורך לאזן א מעסעדזש אויף 845-276-3170**

"ניין," זאגט ער מיר. "איך ווייס גוט מיט וועם איך רעד. דער ספר 'רנו ליעקב', דאס איז פון אייך, ריכטיג?" איך האב באשטעטיגט אז עס איז פון מיינע דרשות.

"נו, הערט וואס עס איז געווען," זאגט ער ווייטער, "וועט איר שוין זען אז איך ווייס מיט וועמען איך רעד, און איר זענט עס געווען וואס האט צוריקגעברענגט דריי אידן צו אידישקייט."

ער דערציילט מיר א מעשה, אז אויף שבת פאר סליחות האט ער געהאט ביי זיך דריי בחורים וואס זענען ליידער געווען דערווייטערט פון אידישקייט, האבנדיג אויפגעוואקסן ביי עלטערן וואס האבן גארנישט געוואוסט פון תורה ומצוות. ער האט פרובירט משפיע זיין אויף זיי, אז זיי זאלן אנהייבן היטן שבת.

"מיר ווייסן," האבן די בחורים גע'טענה'ט צו אים, "אז דער רבוש"ע האט באשאפן די וועלט און פירט די וועלט און זעט אלעס וואס טוט זיך דא אונטן, אבער ווייז אונז אז די תורה איז מן השמים."

"וואס זאג איך זיי?" דערציילט מיר דער רב. "מיר זענען אויפגעצויגן געווארן מיט אמונה שלימה, מיט די דרייצן 'אני מאמינ'ס', 'זאת התורה לא תהא מוחלפת', אבער וואו הייב איך אן מיט די דריי בחורים וואס ווייסן גארנישט?

"אייער ספר 'רנו ליעקב' איז גראד געלעגן ביי מיר אויפ'ן טיש, האב איך א מיש געגעבן אין דעם ספר, און עס האט זיך מיר אויפגעמישט אויף דף שע"ו, וואס עס שטייט דארט אן אינטערעסאנטע זאך, אויפ'ן פסוק אין שיר השירים 'מיוסדים על אדני פז'. וואס הייסט דאס 'פז'? ברענגט איר דארט א פשט וואס איז מקובל ביי די חכמי תימן, איש מפי איש, אז דער שורש פון אלע אותיות פון די אלף-בית איז ווי די צאל פון פ"ז - זיבן-און-אכציג, די זעלבע צאל ווי **'אני י-ה-ו-ה'**. עס שטייט דארט פינקטליך דעם חשבון, ווי אין יעדן אות ליגט וואונדערליך די צאל פון פ"ז, און אויף דעם איז געבויט די תורה ("מיוסדים על אדני פז"), און אז דאס איז אויך מרומז אין פסוק אין ישעי' (מ, כה) 'ואל מי תדמיוני ואשוה', אז אין אלע אותיות איז דא די צאל פון וא"ל מ"י (זיבן-און-אכציג), און אלע אותיות זענען דערמיט גלייך, וואס דאס איז א פלא'דיגע זאך פון דער וואונדערליכקייט פון דער תורה, (זע מער דערוועגן אינעם מדור 'מכתבים למערכת').

"איך האב דאס איבערגעזאגט פאר די בחורים, וועלכע זענען געווען שטארק באאיינדרוקט דאס צו הערן, און דורכקוקנדיג אלע אלף-בית, האבן זיי אויסגערופן מיט התפעלות, 'אזא וואונדערליכע זאך קען זיין באהאלטן נאר אין תורה וואס קומט פון הימל! מיר הייבן אן היטן שבת,' האבן זיי באלד באשלאסן.

"זעענדיג דאס התרגשות פון די בחורים, די 'רחוקים', האב איך באשלאסן אז אויך די 'קרובים' קענען הנאה האבן און זען די וואונדער פון דער תורה הקדושה. מוצאי שבת האב איך



**נאכמאל צו באקומען אין די געשעפטן** - פאר א גרעסערע קוואנטום רופט 845-659-1547

# ביומו תתן שכרו

## שכר שכיר בזמנו (א)

**מדור זה נתנדב**

על ידי ידידנו הנדיב הנכבד

**מו"ה ר' יואל הכהן רובין הי"ו**

לרגל השמחה במעונו בנישואי בתו **הכלה החשובה** תחי' עב"ג הבחור החתן כמר **יחזקאל שרגא** נ"י בן מו"ה ר' **יצחק רוב** הי"ו בשעטומ"צ - ביום א' חיי שרה הבעל"ט

זכות לימוד תורה של אלפי ישראל בהלכה למעשה, יעמוד בעדם לבנות בית נאמן בישראל בבני חיי ומזוני וכל השפעות טובות

### זמן התשלומין

**א]** השוכר את הפועל כדי שיעבוד או שיתקן איזה דבר בשבילו וגמר עבודתו באמצע היום צריך השוכר לפרוע שכר פעולתו באותו יום, ואם לא פרעו ביומו עובר על מצות עשה של "ביומו תתן שכרו" (דברים כד, טו) ועל לאו ד"לא תבוא עליו השמש" (שם).

וכן כששוכר את הפועל שיעשה מלאכה בלילה וגמר עבודתו באמצע הלילה חייב לפרעו בלילה, ואם לא פרעו עד עלות השחר עובר על לאו ד"לא תלין פעולת שכיר אתך עד בוקר" (ויקרא יט, יג)[1].

**ב]** אם התחיל מלאכתו ביום ונמשכה עד הלילה דינו כשכיר לילה וזמן התשלומין הוא עד עלות השחר, ואף אם בשעת השכירות שכרו רק לכמה שעות ולא אדעתא דהכי שיעבוד אצלו עד הלילה ואח"כ נמשכה המלאכה תוך הלילה, מ"מ דינו כשכיר לילה[2], וכן כשהתחיל מלאכתו בלילה ונמשכה עד הבוקר דינו כשכיר יום וכנ"ל[3].

### כשהשכיר אי"צ להמעות באותו יום

**ג]** מצות תשלומי שכר שכיר בזמנו הוא גם כשהשכיר אי"צ להמעות ביום הזה כגון שהוא עשיר, אעפ"כ עובר בעה"ב משום בל תלין.

רק באופן ששכר שני פועלים אחד עשיר ואחד עני ואין לו לשלם כדי שניהם, העני קודם.

### קודם זמנים אלו

**ד]** קודם זמן הנ"ל אף שאינו 'עובר' על העשה ועל הלאו של ביומו וכו' ולא תבוא עליו השמש, מ"מ המצות עשה של ביומו תתן שכרו חל עליו מיד אחר גמר המלאכה, ולכן נכון להזדרז לקיימם כמו בקיום שאר מצות התורה התלויים בזמן, שזריזין מקדימין למצוות[4].

---

**1.** טוש"ע של"ט ס"ג, ע"פ סוגיית הש"ס (ב"מ קי: קיא). והטעם שאינו עובר עד זמן הנ"ל, מבואר ברש"י פרשת קדושים (ויקרא מט, יד ד"ה עד בוקר), דהתורה נתנה זמן לבעה"ב לבקש מעות ע"כ.
**ו**בחינוך מצוה ר"ל כותב דטעם חיוב זה לשלם שכרו ביומו הוא משום דהפועל נותן את נפשו לעשות מלאכתו של בעה"ב והכל כדי להרויח מזונותיו, ולפי הנראה על כן שם גבול זמנו יום אחד ולא יותר, כי דרך בנ"א להתענות יום אחד לפעמים, ולכן אינו עובר עד שעבר אותו זמן.

**2.** רמ"א ס"ג בשם הנמוקי יוסף.

**3.** כיון דשכירות אינה משתלמת אלא לבסוף לכן כשהשלים מלאכתו בלילה לא נתחייבו הבעלים בהתשלומין עד הלילה ולכן אינו עובר רק על בל תלין וכו' ולא על לא תבוא עליו השמש, וכן כשגמר מלאכתו בבוקר לא נתחייבו הבעלים בשכר פעולתו עד הבוקר דשכירות אינה משתלמת אלא לבסוף ולכן זמן התשלומין עד הלילה, (כן מבואר בסוגיית הגמרא בבא מציעא קי:).

**4.** אהב"ח בפתיחה לדיני תשלומי שכר שכיר.

דאס איבערגעזאגט פאר'ן ציבור מתפללים און ארויסגעברענגט ווי מען זעט דעם רבוש"ע אין דער תורה הקדושה, און פון איבעראל שרייט ארויס דאס געטליכקייט פון באשעפער און זיין תורה וואס איז שלימות'דיג און מיר דארפן איר היטן בשלימות.

"אזוי האט מען געפירט מן השמים אז דער ספר זאל ליגן ביי מיר אויפ'ן טיש און זיך אויפמישן וואו עס האט זיך געדארפט אויפמישן, כדי אז די בחורים זאלן דערהערן דעם רוף פון הימל 'שובו בנים' און זיך צוריקקערן צום ריכטיגן וועג - ווייל 'כי לא ידח ממנו נידח'."

ידידכם, א' ממתפללי ביהמ"ד ישמח משה, מאנסי

## א דאנק פאר די חברים וואס האבן אים מסלק געווען

לכבוד מכון הליכות החיים, אחדשה"ט,

אין די טעג רעש'ט זיך מיט א מורא'דיגע מעשה וואס עס האט דערציילט הרה"ג ר' מרדכי הערש שפיטצער שליט"א.

א יונגערמאן האט געהאט גאר א שווערן נסיון נישט צו רעדן בשעת'ן דאוונען. יעדן שבת פלעגט ער אנקומען אין שוהל ווען מען האט שוין געהאלטן ביי "נשמת". ארייננקומענדיג האט ער שוין געהאט זיין קאמפאניע, וואס האט זיך באקוועם געמאכט אין ווינקל און געשמועסט מיט א געשמאק ביז נאכ'ן דאוונען, און נאך ארייגעצויגן בלייבנדיג שמועסן ביים קידוש אין בית המדרש און נישט איילנדיג זיך אין ערגעץ, ביז יעדעס שטיקל נייעס פון דער וואך איז געווען גוט אויסגעקוועטשט און עס איז מער נישט געווען וואס צו רעדן. ערשט דעמאלט האט מען זיך געלאזט אין וועג אהיים בחברותא צו גיין פראווען סעודת שבת.

אין די פארגאנגענע וואכן, האט דער יונגערמאן אנגעהויבן לייענען דעם ברייט-פארשפרייטן גליון "נקדישך", וואס פילע טויזנטער אידן ווערן נתעורר דערין אין קדושת בית המדרש. לייענענדיג וועגן דער הארבקייט נישט צו רעדן ביים דאוונען, און די וואונדערליכע ישועות וואס אידן זעען אין זכות פון זיך מחזק זיין אין דעם ענין, האט דעם יונגערמאן אנגעכאפט א התעוררות, אז אויך ער וועט זיך מיטכאפן מיט'ן שטראם. ער האט זיך באלד געמאכט א באשלוס: יעצט, ביים אנהייב פון נייעם יאר, איז די ריכטיגע צייט צו מאכן א נייע התחלה. עס קומען נייע צייטן - פון דער וואך אנגעהויבן, וועט ער נזהר זיין בכבוד ה'. געענדיגט, ער שמועסט מער נישט ביים דאוונען!

דער שינוי לטובה האט זיך אנגעהויבן דעם קומענדיגן שבת פרשת נח, ווען ער איז געווען אין בית המדרש שוין באלד ביים אנהייב דאוונען און האט זיך אוועקגעשטעלט דאוונען א פאר טישן אפגערוקט פונעם פלאץ פון זיינע חברים. טיף אינמיטן דאוונען האט זיך געהערט א גערודער, צו וועלכן מען איז שוין געווען געוואוינט. די קאמפאניע איז אנגעקומען. ווען זיי האבן אים געוואלט איינלאדן צו קומען ווי געווענליך "מעביר סדרה זיין" אויף די געשעענישן פון דער וואך, האבן זיי געזען צו זייער וואונדער אז "והנה איננו כתמול שלשום", עס איז נישטא מיט וועמען צו רעדן...

מען קען זיך פארשטעלן אז עס איז אים נישט געווען קיין גרינגער נסיון. די חשבונות פון "מה יאמרו הבריות" מאכן גארנישט אזוי באקוועם, און זיך צוריקהאלטן פון א רגילות איז א שווערע עבודה, אבער דער יונגערמאן האט זיך מחזק געווען און איז ב"ה בייגעשטאנען דעם נסיון, נישט אויסרעדנדיג קיין ווארט ביז נאך "אנעים זמירות". ערשט נאכ'ן ענדיגן דאוונען, ווען די חברים זענען נאך געווען ווארעם פארטיפט אין די נייעס, איז ער צוגעגאנגען צו זיי, מיט א שטיקל מורא און בושה אין זיך, אז מען וועט אפ'חוזק'ן פון אים אז ער איז געווארן "פארפרומט". ער האט געהאפט אז מען וועט עס אים "מוחל זיין". נאך אלעמען האט ער דאך געטון וואס עס איז ריכטיג, און נישט אויף זייער חשבון בכלל. צו זיין אנטוישונג, האט איינער פון זיי זיך אנגערופן, "ארי, מען האלט אינמיטן א שמועס, מען קען נישט אנקומען אינדערמיט. גיי דיר אהיים..."

איבערצושמועסן די הלכות וואס ווערן געברענגט אינעם גליון, אדער צו איבערלאזן א שאלה קען מען רופן 845-499-5084
אויב קיין ענטפער, ביטע לאזט איבער א מעסעדזש

# מכתבים למערכת

## הפצת הגליון נתנדב

לכבוד שמחת הבר מצוה של

הבה"ח **שמעון הכהן פראנצאז** הי"ו

זכות לימוד תורה של אלפי ישראל בהלכה למעשה, יעמוד בעדו שיזכה להתגדל לאילנא רברבא לתפארת הוריו ומוריו, ויזכו לרוות רוב תענוג ונחת מכל יו"ח, לבני חיי ומזוני רויחי וכל השפעות טובות

### מבטלין תלמוד תורה להכנסת כלה

לכבוד מכון הליכות החיים,

בנוגע וואס מען האט אמאל געשריבן, אז דער בעל "לכה דודי" האט זיך אויסגענומען בשעת'ן מאכן דעם הייליגן זמר אז מען זאל נישט לערנען בשעת מען זאגט דאס אין בית המדרש, וויל איך איבערגעבן א שיין ווארט וואס איך האב לעצטנס געזען בשם הגה"צ רבי משה וואלפסאן זצ"ל רב דקהל אמונת ישראל, אז דאס איז מרומז אין דעם וואס חז"ל זאגן "מבטלין תלמוד תורה להכנסת כלה" - מען זאל מבטל זיין דאס לערנען בשעת מען זאגט "לכה דודי" און מען ברענגט אריין די "שבת כלה מלכתא".

יישר"כ ותזכו להמשיך לזכות את הרבים.

### זהירות צו ענטפערן אמן ריכטיג

אינעם סוכות-גליון האט מען געשריבן וועגן דעם, אז מען דארף שטארק אכטונג געבן נישט צו ענטפערן אמן בשעת דער שליח ציבור אדער ווער עס מאכט די ברכה האט נאכנישט געענדיגט זאגן די גאנצע ברכה.

עס דארף אנגעמערקט ווערן, אז עס איז א ווייטאגליכער מציאות אין דעם געביט, אז ווען מען גייט אריין אין א בית המדרש ביי הויכע שמונה עשרה א.ד.ג., הערט מען כסדר ווי דער עולם "שפרינגט אריין" מיט'ן ענטפערן אמן פאר דער שליח ציבור האט געענדיגט ארויסזאגן אינגאנצן דאס לעצטע ווארט פון דער ברכה, און נישט נאר וואס דאס איז נישט קיין מצוה, נאר דאס פארקערטע, און עס איז גאר הארב, ווי איר האט שוין געשריבן.

די בעלי-תפלה קענען באמת אסאך ארויסהעלפן דערין, דורך דעם וואס זיי וועלן ארויסזאגן דאס לעצטע ווארט פון יעדער ברכה שנעל, נאר פאר דער ציבור האט צייט אריינצושרייען אמן, היות א געוואוינהייט ביים ברייטן ציבור איז שווער אנדערש צו פארעכטן. מען רעדט דא פון גאר א הארבן ענין וואס חז"ל זאגן דערויף זייער שארף, און מדה טובה מרובה, אז ווען מען איז געווארנט דערין ברענגט דאס אלעס גוטס.

ידידכם, ש. י.

* * *

**להנאת הרבים איז דא בייגעלייגט דער שיינער רמז וואס איז מקובל פון די חכמי תימן,** (בשייכות צו דער צווייטער מעשה אינעם מדור פון די סיפורים, זע עמ' 4)**, ווי ס'ווערט אראפגעברענגט אין ספר תיבת משה אין פרשת ואתחנן:**

עס איז מקובל פון פריערדיגע, אז די מיטלסטע אותיות פון די נעמען פון די אותיות התורה, מיט **זייערע** מיטלסטע אותיות, און אזוי ווייטער ביז פינף מאל, זענען "מיוסדים על אדני פ"ז" - עס באטרעפט די צאל פון פ"ז, זיבן-און-אכציג.

די אותיות ווערן אויסגעשריבן אזוי: אלף, בית, גימל (סיי אויב מען רעכנט דעם י' און סיי דעם מ'), דלת, היא, ואו, זין, חית, טית, יוד, כאף, למד, מים, נון, סמך, עין, פיא, צדיק (מען רעכנט דעם י'), קוף, ריש, שין, תיו.

**אל"ף:** דער מיטלסטער אות פון אל"ף איז למ"ד (דרייסיג); דער מיטלסטער אות פון למ"ד איז מי"ם (וואס די הברה פונעם מ' מיט א צירי האט אין זיך א י' - פערציג); דער מיטלסטער אות פון מי"ם איז יו"ד (צען); דער מיטלסטער אות פון יו"ד איז וא"ו (מיט א הברה פון אן א' - זעקס); דער מיטלסטער אות פון וא"ו איז אל"ף (איינס). 87 = 1 + 6 + 10 + 40 + 30.

דאס זעלבע איז ביי אלע אנדערע אותיות.

ער האט זיך געפילט געטראפן פון די ווערטער און זייער באציאונג צו אים, אבער ער האט זיך געשטארקט, וויסנדיג אז ער האט געטון די ריכטיגע זאך נישט צו שמועסן ביים דאווענען און האט נישט קיין חרטה געהאט אויף זיין גוטן שריט. נישט האבנדיג וואס צו בלייבן דארט, האט ער זיך באלד געלאזט אין וועג אהיים.

אנקומענדיג אינדערהיים, איז די גאנצע משפחה וועלכע איז נישט געווען געוואוינט צו זיין פריען אהיימקומען, נאך טיף געשלאפן. אריבערגייענדיג נעבן איינעם פון די צימערן, האט ער געהערט א קול פון א שווערן אטעם. אריינקומענדיג איז ער דערציטערט געווארן צו זען ווי זיין פיר-יאריג אינגל ליגט אין בעט מיט א פלאסטיק ארום דעם קאפ. ער האט עס שנעל אראפגענומען - דאס אינגל איז שוין געווען אינגאנצן בלוי. ער האט שנעל גערופן "הצלה" און מען האט אריינגעפירט דאס קינד אין שפיטאל און געראטעוועט זיין לעבן. די דאקטוירים האבן געזאגט, אז אויב וואלט דאס קינד אזוי געלעגן נאך אנדערהאלבן מינוט, וואלט מער נישט געווען וואס צו טון, ה"י.

*

מיר ווייסן אז "אין אדם שומע לי ומפסיד", "ונאמן הוא בעל מלאכתך לשלם שכר פעולתך". אמאל זעט מען דאס תיכף ומיד, און אמאל נעמט עס צייט דאס צו זען. אין דעם פאל האט עס נישט גענומען לאנג פון ווען די חברים האבן אים משלח געווען, ביז צום שפרינגען פאר שמחה אויפ'ן חסד ה' מיט'ן צייטליכן אפראטעווען פון זיין קינד'ס לעבן.

ווען ער ווייסט וואס עס ווארט אים, וואלט ער די חברים באדאנקט פאר'ן סילוק וואס מען האט אים געגעבן ברבים, און דערמיט אים אהיימגעשיקט באצייטנס.

די מלאכי רחמים, וואס זענען באשאפן געווארן פון זיין קבלה טובה און גוטן התנהגות, האבן אויסגעשפרייט אויף אים זייערע שמירה-פליגל. די קדושה פון בית המדרש וואס ער האט אפגעהיטן - האט געהיטן אויף אים.

אין אנדערע פעלער, זעט נישט דער מענטש אלעמאל, אדער זעט ער נישט אזוי שנעל, מיט זיינע קורצזיכטיגע אויגן דאס גאנצע בילד. עס לויפן אים אדורך מחשבות, איך האב זיך פארגענומען גוטע זאכן, געהאפט צו טון יענעם שידוך, איז געקומען איינער און דאס אפגערעדט; ארויסגעקוקט צו באקומען יענע גוטע פרנסה-שטעלע, און עס האט זיך נישט אויסגעארבעט.

אן ערליכער איד, זאגט ער, "גם זו לטובה" - און אין הימל ווייסט מען אז עס איז אוודאי לטובה; און אפשר טאקע אין דעם זכות פון זיין ערליכקייט האט ער זוכה געווען נישט צו באקומען זיין וואונטש, ווייל עס איז באמת נישט זיין טובה.

ווען א איד מאכט אפ ביי זיך צו דאווענען ערליך און נישט רעדן אינמיטן דאווענען, אדער אנדערע קבלות טובות, וועט ער זיכער פארדינען דערפון, און אוודאי נישט האבן קיין שום שאדן. עס איז אלעס נאר גוטס.

*

**מיטצוטיילן ערשט האנטיגע מעשיות להנאת אלפי הקוראים, ביטע פארבינדט זיך צו דער הנהלת המכון דורך 4592885mhh@gmail.com, אדער דורכ'ן פעקס: 845-517-1692, אדער לאזט א מעסעדזש אויפ'ן טעלעפאן: 845-276-3170**

**לז"נ מוה"ר שמואל דוד ב"ר צבי פינחס הכהן ע"ה ומוה"ר ישכר בער ב"ר טובי' גדלי' ע"ה** - לא השאירו אחריהם זש"ק ונא ללמוד לעילוי נשמתם

כל הזכויות שמורות | הרשות נתונה לצלם הגליון ע"מ להפיצו, ואין להעתיק תוכן הגליון בלי רשות בכתב מהמערכת
הערות והארות בכתב יתקבלו ע"י מספר הפקס החדש 845-538-4625 או באימייל 4592885mhh@gmail.com | הרוצים להשיג גליון זה בתמידות נא לצלצל 845-276-3170